**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:38
מוצאי שב"ק......................9:04
**שיעורים כסדרן**
נ"ך................ישעיה מ"ו-מ"ז
בבלי.......................תמורה כ"ט
ירושלמי...................ערלה י"ז
תוספתא.............סוטה פרק ט'
רמב"ם.......................כלים ה'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, ט"ז אב, אבות פרק ג', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 49 (409)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא תֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ, לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם.** לִכְאוֹרָה זָאגְט דֶער פָּסוּק אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בְּלוֹיז "**לֹא תֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם**", דִי וֶוערְטֶער "**אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם**" זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז אִיבְּרִיג.

מוֹהַרְאָ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים יז) **לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל**, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גֵייט צוּ אַ צַדִּיק אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט, דוּרְךְ דֶעם גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע מִיטְל-וֶועג, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ רֶעכְטְס אָדֶער צוּ לִינְקְס.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק א' הֲלָכָה ד') אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג גֵיין אוֹיפְ'ן מִיטְל וֶועג, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַן עֶקְסְטְרֶעמֶע וֶועג נִישְׁט צוּ גוּט אוּן נִישְׁט צוּ שְׁלֶעכְט.

פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאס אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּים זַיין, צוּ גֵיין שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי מִיטְל וֶועג. אָדֶער בְּרֶענְט עֶר גָאר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אֵיין עֶקְסְטְרֶעם, עֶר וִויל אָפְלָאזְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס קֶען נִישְׁט אָנְהַאלְטְן. אָדֶער וִויל עֶר גֵיין אוֹיף דִי פּוּנְקְט פַארְקֶערְטֶע וֶועג, עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ אַז עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל קֶענֶען זַיין וואויל, אוּן עֶר הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן בֵּיידֶע פוּן דִי וֶועגְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט. דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל דֶער צַדִּיק קֶען גֶעבְּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר אִיז מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן עֶר פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז עֶר זָאל נִישְׁט בְּרֶענֶען מֶער וִויפִיל מֶען דַארְף.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אָן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **לֹא תֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ**, לֵייגְט נִישְׁט צוּ צוּ דִי מִצְוֹת אוּן נֶעמְט נִישְׁט אַרָאפּ. נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענֶען צוּ שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט אִינְגַאנְצְן נָאכְלָאזְן אוּן אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה. דוּ דַארְפְסְט גֵיין נָאר אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, אוּן טוּן נָאר וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט. אוֹיף דֶעם הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל "**אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם**", צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיפְ'ן מִיטְל וֶועג, צוּ דֶעם דַארְפְט אִיר אוֹיסְהֶערְן דָאס וָואס אִיךְ משֶׁה רַבֵּינוּ דֶער צַדִּיק זָאגְט, וַוייל נָאר אַ צַדִּיק קֶען פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

(זֹאת הַתּוֹרָה וָאֶתְחַנַּן ד')

## מוֹהַרְאָ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אָן קַיין גֶעפִיל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל וִוי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶענֶען אוֹיס הַאלְבּ-גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט

<<<<<<

## א גוט ווארט

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, וֶועט דִיר נִישְׁט שָׁאטְן קַיין עַיִן הָרַע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כ.): "עַיִן שֶׁלֹּא רָצְתָה לָזוּן מִמַּה שֶּׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ - אֵין עַיִן הָרַע שׁוֹלֶטֶת בּוֹ", יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר, דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה אַז פַאר אִים אוּן זַיינֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים שַׁאדְט נִישְׁט קַיין עַיִן הָרַע; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר, מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד, פַארְמַאךְ אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; וֶועמֶען פָּאפְּסְטוּ?! וֶועמֶען נַארְסְטוּ?! דוּ נַארְסְט דָאךְ זִיךְ אַלֵיינְס. דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ נַארְסְט דַיין וַוייבּ וְכוּ'; דוּ אַלֵיינְס וֶוערְסְט דָאךְ פַארְשְׁוַוארְצְט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט שְׁוֶועריקֵייטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן? דוּ קֶענְסְט דָאךְ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' מַטּוֹת מַסְעֵי תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין בָּחוּר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן, זָאל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט אִים?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ זוּן אַ בָּחוּר וָואס אִיז לֵיידֶער אַוֶועקגֶעפַאלְן פוּן דֶרֶךְ הַיָּשָׁר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אָבֶּער אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים בְּחַבְרוּתָא. לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אַ גֶעוִויסֶער מְחַנֵךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט אִים קַיין תּוֹרָה, וַוייל דָאס גֶעבְּט אִים אַ תֵּירוּץ אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים, ווייל עֶר קְלַאפְּט זִיךְ אִין רוּקְן אַז לֶערְנְט שׁוֹין, אוּן מֶער דַארְף עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער אַז סְ'אִיז יָא גוּט עֶר זָאל כָאטְשׁ לֶערְנֶען עֶפֶּעס אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט אִים צוּם סוֹף רֵיינִיגְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער נִישְׁט אוֹיס דֶעם אַזוֹי גֶערוּפֶענֶעם מְחַנֵךְ וָואס רֶעדְט צוּ דִיר אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה וָואס הֵייסְט יֶעדְן טַאטֶע לֶערְנֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער; אַז דַיין זוּן וִויל לֶערְנֶען מִיט דִיר זָאלְסְטוּ אַוַדאי וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט אִים בִּיז דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין אִים גוּטֶע נְקוּדוֹת; עֶר הָאט זִיכֶער גוּטֶע מַעֲשִׂים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה כז:) אַז אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אָנְגֶעפוּלְט מִיט מִצְוֹת; אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים גוּטֶע נְקוּדוֹת וֶועסְטוּ אִים אִינְגַאנְצְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב): אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רָשָׁע גָמוּר רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ קוּקְט מֶען אוֹיף אִים מִיט אַ גוּט אוֹיג אוּן מֶען זוּכְט אִין אִים גוּטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל טְרֶעפְן אִין אִים בְּלוֹיז אֵיין פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, הֶעלְפְט מֶען אִים מִיט דֶעם אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיס רָשָׁע, עֶר וֶוערְט אַ צַדִיק. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז מֶען טְרֶעפְט 'וְעוֹד מְעַט' - אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, וָואס אִין דֶעם אִיז עֶר 'וְאֵין רָשָׁע', דָאס הֵייסְט אַז מִיט דִי זַאךְ אִיז עֶר גוּט, 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ' - נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף אִים, זֶע אִיךְ 'וְאֵינֶנּוּ' - נִישְׁט דָא מֶער דָאס שְׁלֶעכְטְס, עֶר אִיז נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ צַדִיק.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דוּרְכְאוֹיס דֶעם וֶועג הָאט רֶבִּי נָתָן גֶע'חַזֶר'ט דִי תּוֹרָה פוּן אַזְמְרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב) אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דָאס נָאכְגֶעבְּרוּמְט, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "נַחְמָן! לַאךְ נִישְׁט; גְלֵייבּ מִיר, וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעקוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".

אַז דוּ וֶועסְט אִים לִיבּ הָאבְּן, וֶועט עֶר דָאס שְׁפִּירְן, אוּן עֶס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע וֶועג; עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַאר אַ טַאטֶע צוּ קוּקְן גוּט אוֹיפְן קִינְד וֶוען דֶער קִינְד טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אַז מֶען נֵייגְט זִיךְ אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זֶען דָאס גוּטְס אִינֶעם קִינְד, שְׁפִּירְט דָאס דֶער קִינְד אוּן עֶס הֶעלְפְט אִים צוּרִיק צוּ קוּמֶען.

זֵיי מַמְשִׁיךְ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט דַיין זוּן, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ סְתָּם זַאכְן, נֵייעֶס וְכַדוֹמֶה. אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט לוֹיט דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען לְמוּטָב.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' דְבָרִים תשע"ט)

>>>>>>

נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל זַיין וואוֹיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶענְעֶרְהֵייט.

### מֶען לֵייגְט צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער"

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוּרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטְנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶערְכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. ווִידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צ.ב.ש. "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט וִוי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", עֶס אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער אַ "זִירָאוֹ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוֹ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוֹ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", אוֹיבּ אִיז אָבֶּער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט

<<<<<<

>>>>>>

צו, אַלץ גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִיק זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יְגִיעוֹת)

>>>>>>

שיינע שידוכים.

אנהויב די וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל מעורר געווען די בחורים זיך צוצוגרייטן די מסכת תענית, ווייל פרייטאג חמשה עשר באב וועט מען אנהויבן לערנען גאנץ מסכת תענית יעדן טאג ביז ראש השנה. פארשטייט זיך אז די בחורים האבן קוים געקענט ווארטן אויף דעם טאג, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס יאר אויך קומען פילע חתנים אין ישיבה.

"גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן", א צדיק אויף יענע וועלט האט ער נאך א גרעסערער כח, און מוהרא"ש וועט זיכער אויס'פועל'ן פאר די אלע בחורים אז זיי זאלן טרעפן זייערע באשערטע בקרוב ובניקל.

**אין שמחה כשמחת התורה!**

***

## פארשריט ביים נייעם בנין אין אומאן

מיט יעדן טאג וואס גייט דורך, ווערן מיר ב"ה נענטער און נענטער צום הייליגן פארכטיגן יום הדין, ווען מ'משפט יעדן איינעם, מי יחיה ומי ימות, וכו' וכו', און מיר אלע פארן בעז"ה צום הייליגן רבי'ן וואס האט צוגעזאגט אז ער וועט זיין דער אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה. מיר אלע קומען איבער אלע מניעות און שטיינער וואס שטעלן זיך אין וועג, און מיר מאכן א טיקעט און פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, וואו מיר ווען זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן א גוט געבענטשט יאר.

זעענדיג דעם געברויך צוצושטעלן אין עיר הקודש אומאן א הייליגע ריינע און רואיגע ווינקל פאר אנשי שלומינו, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א ארייגעלייגט מיט מסירת נפש אין דעם קאסטבארן און שווערן פראיעקט, און האט אויפגעבויעט א הערליכן ריזיגן בנין אויף א שטילע ווינקל וואס איז שוין באנוצט געווארן פאריאר.

איינע פון די פראבלעמען אין שטאט אומאן איז ווי באקאנט, די שטאטישע וואסער סיסטעם. זייער סיסטעם קען נישט דערהייבן צוצושטעלן גענוג וואסער פאר די צוגעקומענע איבער **70,000** אידן קע"ה וואס קומען אויף יום טוב צום הייליגן רבי'ן אין אומאן, און דערפאר פארלירן אסאך געביידעס די וואסער אין די פארנומענע ערב שבת און ערב יו"ט טעג, ווען מ'נוצט גאר אסאך וואסער.

דערפאר האט דער ראש ישיבה שליט"א באשלאסן אז מען זאל גראבן אייגענע קוועלער ביים נייעם בנין, פון וואס מ'זאל שעפן פרישע ריינע קוואל וואסער פון פאראויס, און מ'זאל אינסטאלירן ריזיגע וואסער טענק, וואו די וואסער זאל געהאלטן ווערן.

פאריאר האט מען זיך גענומען צו די ארבעט פון זוכן קוועלער, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען שוין ביז יעצט מצליח געווען צו טרעפן און פארטיגן אזויפיל ווי זעקס שפרודלדיגע קוועלער, וואס פראדוצירן אינאיינעם דעם ריזיגן קוואנטום פון בערך **10,000** גאלאן וואסער א טאג.

אזוי אויך האלט מען שוין אויך ב"ה נאכן בויען דעם ערשטן ריזיגן **12,000** גאלאנדיגע וואסער טאנק, וואס וועט בעז"ה ערמעגליכן א באקוועמע מאס וואסער פאר די פארנומענע ערב שבת און ערב יו"ט טעג.

און אזוי ווי בעז"ה קומענדיגע יאר וועט גענוצט ווערן נאך שטאקן פונעם בנין צום שלאפן, דערפאר ווערן שוין יעצט געמאכט פלענער צו בויען נאך א גיגאנטישע וואסער טאנק פון קרוב צו **50,000** גאלאן, וואס וועט בעז"ה צושטעלן גענוג וואסער בהרחבה גדולה פאר אלע הונדערטע אידן וואס וועלן זיך באנוצן מיט דעם בנין בעז"ה.

יעצט האט מען ב"ה זוכה געווען לברך על המוגמר פאר די אלע איינריכטונגען, די זעקס קוועלער שפרודלען שוין מיט וואסער, די **12,000** גאלאנדיגער טאנק איז שוין אינגאנצן פארטיג, און מען פילט עס שוין אן מיט פרישע קוואל וואסער.

אזוי אויך איז שוין אינסטאלירט געווארן די פאמפ קאנטראל מאשין, וואס וועט בעז"ה אנצינדן און אויסלעשן די פאמפס פאר די קוועלער לויט'ן געברויך.

**וימצאו שם באר מים חיים!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## מַיין וַוייבּ אִיז מִיר גֶעוָוארְן מַיין פָּאלִיצְיַאנְט, וְוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, סְ'הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אִין לֶעבְּן, אַלְס בָּחוּר בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם, בִּיז אִיךְ בִּין עֶנְדְלִיךְ אַ חָתָן גֶעוָוארְן אוּן אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט ב"ה.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז מַיין וַוייבּ אִיז מִיר גֶעוָוארְן מַמָשׁ וְוי מַיין מַאמֶע, זִי שְׁטֵייט אוֹיף מַיין קָאפּ וְוי אַ פָּאלִיצְיַאנְט אוּן לָאזְט מִיר מַמָשׁ נִישְׁט אָטֶעמֶען. זִי קוּקְט מִיר נָאךְ אַ גַאנְצְן צַייט, אוּן דָאס נֶעמְט מִיר צוּ דִי יִשׁוּב הַדַעַת אוּן דִי סִפּוּק פוּן לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער הָאט מִיר אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן. סְ'אִיז מִיר בֶּאֱמֶת זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע פְרִישֶׁע פָּארְפָאלְק קְרִיגְן זִיךְ אִין אָנְהֵייבּ; עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ פָּארְפָאלְק וָואס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין אָנְהֵייבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. גְלַייךְ וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין דִי עֶרְשְׁטֶע פָּארְפָאלְק - אָדָם אוּן חַוָה - גֶעקְרִיגְט, וֶוען חַוָה הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת הָאט זִי שׁוֹין גֶעגֶעבְּן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן פוּן דֶעם סַם הַמָוֶת; אַזוֹי אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר בַּיי שָׂרָה אִמֵנוּ אַז זִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם (בְּרֵאשִׁית טז, ה): "חֲמָסִי עָלֶיךָ" וְגוֹ'; אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז דָא קְרִיגֶערַייעֶן צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

רָחֵל אִמֵנוּ הָאט פָּארְגֶעהַאלְטְן יַעֲקֹב אָבִינוּ, זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים (בְּרֵאשִׁית ל, א-ב): "הָבָה לִי בָנִים וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי", אוּן יַעֲקֹב הָאט אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הֲתַחַת אֱלֹהִים אָנֹכִי אֲשֶׁר מָנַע מִמֵךְ פְּרִי בָטֶן" וְגוֹ'; אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר בַּיי דָוִד הַמֶלֶךְ וְוי עֶר הָאט גֶעלִיטְן בִּזְיוֹנוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, זִי הָאט אִים מְבַזֶה גֶעוֶוען וְכוּ' (עַיֵין שְׁמוּאֵל-ב ו, טז-כב), מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעלֶעבְּט מִיט אַ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן שְׁטֶענְדִיג דַן גֶעוֶוען דִי וַוייבּ לְכַף זְכוּת.

דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ דַיין וַוייבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי וְוי אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ; רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיין וֶועט זִי זִיךְ טוֹישְׁן אוּן זִי וֶועט אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִיר. וַוייז אִיר אַז דוּ טְרַאכְסְט פוּן אִיר, וֶועט זִי זִיךְ אָטָאמַאטִישׁ טוֹישְׁן. אוּן אֲפִילוּ זִי אִיז דִיר מְצַעֵר זָאלְסְטוּ אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): "רַבִּי חִיָיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבֵיתְהוּ", רַב חִיָיא'ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין; מִיט דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זִי הָאט לִיבּ, "צַיֵיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", פְלֶעגְט עֶר עֶס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַאר אִיר.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אַזוֹי וְוי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נא, ה): "כִּי פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע וְחַטָאתִי נֶגְדִי תָמִיד"; מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: וְחַ'טָאתִי נֶ'גְדִי תָ'מִיד אִיז נוֹטְרִיקוֹן "חָתָן"; אוֹיבּ אַ חָתָן גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה גֶעדֶענְקֶענְדִיג שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן, וֶועט עֶר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, עֶס וֶועט זַיין: כִּ'י לַ'ה' הַ'מְלוּכָה, וָואס אִיז נוֹטְרִיקוֹן "כַּלָה"; וֶוען דֶער חָתָן גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, זַיי מִיר מוֹחֵל וְכוּ' וְכוּ'", דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע כַּלָה אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין מְסוּדָר - כִּי לַה' הַמְלוּכָה.

דוּ פְרֶעגְסְט צִי אִיךְ קֶען דִיר הֶעלְפְן; אִיךְ קֶען דִיר מְחַזֵק זַיין אוּן זָאגְן וָואס אִיךְ טוּ וֶוען אִיךְ דַארְף הִילְף. אִיךְ גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בֶּעט אִים אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מִיר. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין אַ וִוינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוֹדֶם דַאנְק אִים פַאר דַיין לֶעבְּן, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר אַלֶעס אוּן בֶּעט אִים עֶס זָאל זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ פַארְשְׁטַאנְד אוּן לִיבְּשַׁאפְט - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ט)

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**




BreslevCenter.com\answers

# דִּי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוערְט גֶעוואוּיר פוּן הִימְל אַז עֶר דַארְף פָארְן צוּם שְׁטָאט קַאמִינִיץ, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְ'ן וֶועג.**

קעג

זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין קַאמִינִיץ, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוּמְגֶעפֶער הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ.

אִין יֶענֶע צַייט, אִיז גֶעוֶוען פַארְבָּאטְן פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט קַאמִינִיץ, אוּן קַיין שׁוּם אִיד הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן דָארְט אִין שְׁטָאט. אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אוּן וֶוער סְ'הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס גֶעשֶׁעפְטְן צוּ מַאכְן דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט בַּייטָאג, זֵיי הָאבְּן גֶעמֶעגְט דָארְט זַיין אַ גַאנְצְן טָאג, בַּיינַאכְט הָאבְּן אָבֶּער אַלֶע אִידְן גֶעמוּזְט פַארְלָאזְן דִי שְׁטָאט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט קַיין קַאמִינִיץ מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען דָארְט אַ גַאנְצְן טָאג בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן וֶוען דִי נַאכְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּפַאלְן, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער אַז עֶר זָאל אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטָאט מִיט אַלֶע אִידְן, אוּן אַז צוּמָארְגְנְס זָאל עֶר צוּרִיק אַרַיינְקוּמֶען אוּן זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ בַּאשְׁטִימְטְן אָרְט.

דֶער בַּאגְלֵייטֶער אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אִין שְׁטָאט אִיבֶּער נַאכְט, קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט דָארְט, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט. דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג אִיז דֶער בַּאגְלֵייטֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אוּן טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן דָארְט וואו זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן בַּאגְלֵייטֶער אִיבֶּער דִי שְׁטָאט, זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַסַאךְ הַייזֶער, זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערָאל גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ וֶועג אוּן תֵּירוּץ פַארְוָואס אַרַיינְצוּגֵיין, בַּיי עֶטְלִיכֶע הַייזֶער הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי דַארְפְן אַבִּיסְל בְּרוּינְפְן אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אִין גָאר אַסַאךְ הַייזֶער. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי כַּוָּונָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען מִיט דֶעם, אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט דָארְט אוֹיפְטוּן.

נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, דָארְט הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם צוּזָאג וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע דִי צַדֵּיקֶת אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּם קֶבֶר פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. אוֹיךְ הָאט עֶר דָארְט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ ר' שִׁמְעוֹן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין קַאמִינִיץ. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין הֵיים אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

קעד

פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער, פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט אִין קַאמִינִיץ, אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען דָארְט אִין שְׁטָאט.

[אִין דִי הִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער וֶוערְט גֶעשְׁרִיבְּן, אַז דִי רְשׁוּת פַאר אִידְן צוּ וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט קַאמִינִיץ אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דוּרְכְן קֵייזֶער פָּאלוּס אִין יָאר 1797 לְמִסְפָּרָם, וָואס דָאס אִיז דָאס יָאר וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט.]

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## בחורים לערנען פערציג מאל

## מסכת תענית ביז ראש השנה

דעם פרייטאג, חמשה עשר באב, הויבט זיך אן די מסכת תענית טומל אין ישיבה, די בחורים ווערן צוגענאגלט צו די בענקלעך, די אויגן צוגעבינדען צו א גמרא מסכת תענית, מ'הויבט אן לערנען פלייסיג מיט חשק, און מ'ענדיגט יעדן טאג נאכאמאל גאנץ מסכת תענית.

אין יאר תשע"א, פאר חמשה עשר באב, האט מוהרא"ש געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז ער גייט אריבערקומען אין קעמפ אום חמשה עשר באב, א טאג וואס איז מסוגל פאר שידוכים, און ער וועט פועל'ן שידוכים פאר די בחורים.

אום חמשה עשר באב איז מוהרא"ש טאקע געקומען אין קעמפ, מען האט געמאכט א גרויסע סעודה, מוהרא"ש האט גערעדט א לאנגע צייט צו די בחורים, און ביים סוף פון די דרשה האט מוהרא"ש געזאגט פאר די בחורים אז אלע בחורים פון זיבעצן יאר און העכער וואס וועלן ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית אין די פערציג טעג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וועלן זיי אי"ה טרעפן זייער שידוך גלייך נאך ראש השנה.

פון דעם קומענדיגן טאג האט מען מער נישט געקענט רעדן צו קיין בחור אין קעמפ, אלע בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו און אנגעהויבן לערנען מסכת תענית מיט'ן ציל צו ענדיגן די גאנצע מסכת יעדן טאג פון פריש.

עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט, דער יצר הרע האט נישט געקענט אויסהאלטן צו זען ווי די בחורים לערנען אזוי פלייסיג, און אז באלד וועלן זיי שוין אלע חתנים ווערן, האט זיך אנגערוקט שווערע שטורעם ווינטן, דער הוריקעין "איירין" איז אנגעקומען מיט פולן קראפט, און ווען מען האט זיך אויפגעוועקט איין אינדערפרי, האט מען געזען אז דער טייכל וואס לויפט נעבן קעמפ האט זיך געהויבן מיט איבער צען פיס העכער ווי געווענליך, און די קעמפ ווערט מער און מער פארפלייצט מיט וואסער.

די לעקטער און וואסער איז געווארן אפגעהאקט, און די גאנצע קעמפ האט געמוזט זאפארט אויסגעליידיגט ווערן, די שטאטישע רעטונג איינהייטן זענען אנגעקומען מיט פאליציי קארס און פייער טראקס צו נעמען דעם עולם, אזוי ווי די גאסן און וועגן זענען שוין געווען פארפלייצט און מען האט מער נישט געקענט ארויספארן מיט געווענליכע אויטאס. די באאמטע האבן גענומען א טייל עולם צום פייער סטאנציע, און די אנדערע האבן זיך אויסגעשפרייט צו אנדערע געגנטער וואס זענען געווען אביסל העכער און נישט געווארן אזוי שטארק אפעקטירט פונעם הוריקעין.

יעדער איז ארויסגעלאפן מיט די נשמה אין די הענט, איידער די גאנצע קעמפ געפונט זיך שוין אונטער'ן וואסער. די בחורים האבן אבער מיטגעשלעפט זייער תפלין זעקל אין איין האנט, און די גמרא מסכת תענית אין די אנדערע האנט, ווייל זיי האבן נישט געוואלט פארפאסן אפילו נאר איין טאג פון צו לערנען מסכת תענית.

וואו די בחורים זענען נאר אנגעקומען, טייל אין די פייער סטאנציע, טייל אין א גאז סטאנציע, טייל אין אנדערע קעמפ און קאנטרים, האבן אלע געענדיגט די גאנצע מסכת, טראץ די אלע טלטולים און שוועריקייטן.

ווען די שטורעמעס האבן נאכגעלאזט און מען האט שוין ענדליך געקענט זיך צוריק קערן אין קעמפ, איז אבער נאכאלץ נישט געווען קיין לעקטער אין קעמפ. אבער די בחורים האבן ווייטער געמוזט ענדיגן די גאנצע מסכת יעדן טאג, און צו די שיין פון ליכט זענען די בחורים געזעסן ביז אין די שפעטע נאכט שעות און געלערנט פלייסיג א בלאט גמרא און נאך א בלאט גמרא. למעשה האבן די בחורים אויסגעפירט און האבן זוכה צו ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית, יעדן טאג ביז ראש השנה.

צדיק גוזר והקב"ה מקיים, גלייך נאך ראש השנה האבן אנגעהויבן ווערן חתנים אין ישיבה, און אין לויף פונעם ווינטער זמן תשע"ב, האבן אלע בחורים געטראפן זייער שידוך, זיי האבן ב"ה שיין חתונה געהאט און אויפגעשטעלט ערליכע אידישע שטובער לשם ולתפארת.

במשך די יארן זינט דעמאלט, האט עס ווייטער אנגעהאלטן יאר יערליך, די פרישע בחורים האבן יעדעס יאר געענדיגט מסכת תענית פערציג מאל פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, און ב"ה פילע שידוכים זענען געשלאסן געווארן אין דעם זכות אין לויף פון די יארן. אויך פילע בחורים פון אנדערע ישיבות, וואס האלטן מיט די דרשות און שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, האבן זיך אויך צוגעכאפט צו דעם, זיי האבן אויך געלערנט מסכת תענית פערציג מאל, און זענען ב"ה אויך געהאלפן געווארן מיט

<<<<<<


# אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

718-506-4341 Travel the right way

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מאטי הערצאג** הי"ו

צו די אפשערן פון זיין זון **אליעזר שלמה** למז"ט

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

# הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**